© Copyright 1998 Artists For Israel International. All rights reserved.

# 2 שמעון כיפא

1. פון שמעון כיפא אן עבד און שליח פון ישוע המשיח. צו די וואס דורך דער צדק פון ג-ט און מושיע ישוע המשיח האבן באקומן די זעלבע אמונה ווי אונדז.
2. חסד ושלום זאל געמערט ווערען צו אייך אין קענען ג-ט און ישוע המשיח.
3. ג-טס מאכט האט אונדז אלעס וואס איז נויטיק אין לעבן און אויך פאר רוחניות געגעבן דורך אונדזער קענען אים וואס האט אונדז גערופן צו זיין כבוד און טוגנד.
4. דערמיט איז געגעבן געווארן גרויסער און טייערע הבטחות וואס דורך זיי קענט איר אנטיילנעמען אין זיין געטלעכע נאטור און ניצל ווערן דערמיט פון די פארדורבענקייט פון וועלט דורך תאוות.
5. צוליב די סיבה זאלט איר ערנסט פרובירו צו צולייגן צו אייערע אמונה מעשים טובים. און צו אייערע מעשים טובים חכמה.
6. און צו חכמה איינגעהאלטנקייט;און צו איינגעהאלטנקייט סבלנות;און צו סבלנות

ג-ט ליכקייט.
7. און צו ג-ט ליכקייט ברידערליכע חסד;
און צו ברידערליכע חסד צדקה.
8. ווייל אויב איר האט די מדות א סאך אין
זיך זיינען זיי גורם אז איר זאלט נישט זיין
פוסט און ליידיק אין ידיעות פון ישוע המשיה.
9. אבער דער וואס האט נישט די מידות איז
בלינד און קען נישט ווייט זעיען ער האט
פארגעסן אז ער איז גערייניקט געווארן פון
זיינע עבירות.
10. דעריבר ברידער זייט פלייסיק כדי אייער
כארף און אויסווייל זאל זיין פעסט. אויב איר
טוט דאס וועט אייך קיין מאל נישט פאלן.
11. ווארום אזא ארייגאנג צום אייביקע
מלכות פון ישוע המשיח וועט אייך רייכליך
געגעבן ווערן.
12. איך וועל דעריבר זיין פלייסיק תמיד אייך
צו דערמאנען דיזע ענינים הגם איר ווייסן אבער
איר וועט זיין פארשטארקט אין דעם יעצטיקע
אמת.
13. איך האלט סאיז ריכטיג אייך מעורר זיין צו
געדענקען.
14. ווייל איך ווייס אז באלט וועל איך נפטר
ווערן ווי באלט אונדזר האר ישוע המשיח האט

מיר דאס אנגעוויזן.
15. איך וועל שטערבן אז נאך מיין פטירה וועט אייך דאס האבן אלעמאל אין גאדאנק.
16. ווייל מיר האבן נישט נאכגעזאגט סתם מעשיות אייך דעצעלענדיק וועגן די מאכט פון אונדזער האר ישוע המשיח און פון זיין קומן.
17. ווייל ער האט באקומן פון ג-ט דעם פאטער כבוד און הערליכקייט ווען סאיז געקומען צו אים א בת קול פון הימל זאגענדיק: אט איז מיין זון אין וועמען איך שטאלציר זיך.
18. און די בת קול פון הימל האבן מיר אלע געהערט זייענדיק מיט אים אופן הייליגם בארג.
19. מיר האבן אויך די זיכערע נבאות פון די נביאים וואס איר זאלט הארכן ווי א אור וואס שיינט אייך ארײַן אין פינצטערע פלעצער ביז צום שיין פונם נייער טאג און דער מארגענשטערן וועט אופגיין אין אייערע הערצער.
20. וויסנדיק דאס צומערשט אז קיין נבואה פון די נביאים קען האבן א פריבאטען פירוש. ווייל נבואה איז קיינמאל נישט דורך מענטשען געזאגט געווארן נאר הייליגע מענטשען האבן גערעט דורכן רוח הקודש.

קפיטיל 2

1. אבער צווישען דעם פאלק איז אויך געווען פאלשע נביאים פונקט אזוי ווי עס וועט זיין פאלשע מלמדים (לערעס) צוווישען אייך. אונטער פאלשע אויסגעבונגען וועלן זיי פארשטעלן שעדליכע הערעזיעס אפילו לייקענען אין דעם אדון וואס האט זיי אהין געבראכט, דערצו ברעגען אויך זיך א שנעלע חורבן.

2. פיל חברה וועלן זיי נאכגיין זייערע אויסגעלאסנקייט און צוליב זיי די אמתע וועג וועט זיין שלעכט אנגערופן.

3. צוליב זייערע גלוסט וועלען זיי אייך אויסנוצען דורך אויסגעטראכטע מעשיות. זייער עונש, שוין פון לאנג אויסגעזאגט געווארן, דרימלט נישט. זייערע חורבן שלאפט נישט.

4. ווייל דער אויבעשטער האט נישט פארשפארט די מלאכים וועלעכע האבן געזינדיקט, להיפוך ער האט זיי אין גהינום אריינגעווארפן און אין פינצטערע גריבער ביז צום גרויסער משפט.

5. ער האט נישט געשפארט די אלטע וועלט נאר נח דער אכטע דור ווער האט גערארשנט גערעכטיקייט האט ער געראטעוועט ברענגעדיק דאס מבול אויפן וועלט פון די רשעים.

6. ער האט אויך פארמשפט די שטעט פון סדום

און עמורה מיט אן איבער קערונג -אפר און חורבן-אלס ביישפיל צו די אלע רשעים להבא.

7. אבער ער האט געראטעוועט לוט אן איש צדיק ווער האט געדאגעט פאר די נישט ערליכער.

8. ווייל דער ערליכער מענטש, וווינאדיק צווישן זיי זעיען און הערען זייערע שלעכטע מעשים, האבן געשטערט זיין ערליכע נשמה פון טאג צו טאג.

9. דער האר ווייסט ווי אזוי דער ערליכער צוראטעווען פון נסיונות און צו האלטן די רשעים ביז צום יום הדין צו באשטראפט ווערן.

10. אבער איבערהויפם די מענטשען וואס גייען נאך זייערע אלטע נאטור -גלוסטן נאך תאוות און נישט הארכן מנהיגים. זיי זיינען עזות פענעמער און מיט גאוואה האבן נישט מורה צו רעדען קעגען מאכט (מלאכים)

11. בשעת די מלאכים, גרעסער פון זיי אין כח און מאכט, ברענגן נישט קיין רכילות אויף זיי צום האר.

12. אבער דיזע לייט ווער פירען זיך אזוי ווי בהמות נישט טרכטענדיק רעדען שלעכטס פון זאכען זיי אליין פארשטייען נישט. זיי וועלן פארניכטערט ווערן אין זייערע פארדארבענקייט.

13. זיי ווען באקומען דער שכר פון רשעים וואס הוליען ביי טאג. זיי זיינען ווי פלעקען און מומים וואס גייען ארום מיט זייערע אפנאר ווייל זיי עסן צוזאמען מיט אייך.
14. ווייל זיי האבן אויגען וואס זוכען תמיד פאר א פרוי מיט וועמען נואף זיין, אויגען וואס הערען נישט אויף צו זינדיקן. זיי האבן הערצער פול מיט קנאה און פארפירן נישט קיין געזעצטע נשמות.
15. זיי האבן אפגעלאזט די וועג פון יושר און זענען געגאנגן דער וועג פון בלעם בן באור וועד האט ליב געהאט דעם שכר פון שלעככס טאן.
16. אבער ער איז אנגעמוסרט געווארן ווען זיין אייזל, רעדענדיק מיט א מענטשליכער שטימער, האט פארבאטן דער נביאס משוגעס.
17. זיי זיינן ווי אויסגעטרוקענר ברונעס און די וואלקענעסביים ווינט געטריבן. אט פאר זיי איז באשטעלט חושך ואפילה (טיף חושך) אויף אייביק.
18. וויל ווען זיי רעדען זייערע פוסטע רייד זיי זיינן משפיע דורך די אלטע תאוות אויף מענטשען וואס זיינן נאר יעצט אוועק פון די זעלביקע וועמנס לעבענס וועג איז פאלש.
19. ווען זיי זאגן צו פרייההיט זיי אליין זיינן

קנעכט פון תאוות. א מענטש איז אלעמאל א
קנעכט צו דאס וואס האט אים מנצח געווען.
20. אויב זיי האבן זיך אוועקגעריסן פון
וועלטליכע תאוות דורך באקענען זיך מיט ישוע
המשיח און דערנאך ווערען זיי ווידער צוריק
פארפלונטערט און צוקלאפט ביי די תאוות-זייער
עונש איז גרעסער יעצט ווי פריער.
21. עס וואלט בעסער געווען פאר זיי ווען זיי
האבן קיין מאל נישט געוואסט דעם וועג פון
גערעכטיקייט ווי יא צוזויסן און אומקערען זיך
פונם ריכטיגעם וועג.
22. א הונט קערט זיך צוריק צו זיין ברעכעץ
(משלי כ"ו- י"א) צא חזיר וואשט זיך ארום און
דערנאך קאטשעט זיך אין בלאטע.

קפיטיל 3
1. זיזע צווייטע בריוו, טייערע פריינט, שרייב איך
אייך יעצט און איןביידער בריוו וויל איך אייך
מעורר זיין, דורך זכרונות, צו טראכטן אוף א
געזונטען אופן.
2. צו געדענקן די אמאלעגע רעיד פון די הייליגע
נביאים און דאס געבאס פון דער האר און
מושיעס שליחים.
3. וויסענדיק צוםערשט אז אין די לעצטע צייט

וועט קומען לצים וואס גייען נאך זייערע תאוות.
4. און זאגענדיק וואו איז זיין צוגעזאגטע אונקומען. זינט די אבות זיינען נפטר געווארן אלעס גייט ווייטער ווי פון ימי בראשית.
5. אבער מבאלט זיי זוכן צו זיין גערעכט זיי פארגעסן אז דורך ג-טס ווארט ווערען די הימל מיט דער ערד פון לאנג געמאכט און דער ערד שטייענדיק פונם וואסער און אין דער וואסער.
6. דורך וועלעכער די דעמאלטיקע וועלט איז פארפלעצט געווארן מיט וועסער און איז פארניכטערט געווארן.
7. אבער די הימל מיט די ערד פון יעצט זיינען דורכן ווארט מקוים און זיינען געהיט פאר פייער ביזן יום הדין פון די רשעים.
8. אבער מיין טייערע פארגעסט נישט אז איין טאג ביים אויבעשטער איז ווי א טויזענט יאר און א טויזענט יאר ווי איין טאג.
9. דער האר איז נישט פאמעלעך אין מקיים זיין זיינע הבטחה אזוי ווי מענטשען טראכטן.
להיפך ער איז געדולדיק מיט אייך וויל ער וויל אז קיינער זאל נישט פארלארן ווערן אבער אלע זאללן תשובה טאן.
10. דעם טאג פון דעם האר וועט קומען אזוי ווי א גנב. אין יענעם טאג וועטלן די הימלען צוגיין

מיט א רעש און די יסודות וועלן געשמאלצן
ווערן פון היץ און דער ערד און אלעס אויף איר
וועט פארברענט ווערן.

11. זייענדיק אלעס וועס חורב ווערן וואס פאר
א מענטש דארפט איר זיין אין אלע הייליקע
שמוסען און יראת שמים.

12. ווי איר ווארט אויפן טאג פון דעם האר און
שטרעבן כדי דאס צו ברענגן נענטער. יענם טאג
וועט ברענגן א חורבן אויפן הימל דורך פייער און
די יסודות דערפון וועלן צושמאלצן ווערן דורך
היץ.

13. אבער מיר לויט זיין הבטחה ווארטן אויף א
נייער הימל און א נייער ערד. וואוהין איז
גערעכטיקייט.

14. מבאלט מיין טייערע איר דערווארט די
דאזיגע זאכען האלט אייך וואך צו זיין געפונען
ביי אים בשלום אן א פלעק און מום.

15. און האלט אונדזר הארזס געדולט ווי א
גאולה אזוי ווי אונדזער טייער ברודער שאול
האט אייך שוין געשריבן לויטן חכמה וואס ג-ט
האט אים געשענקט.

16. טאקע ער רעדט פון די אלע זאכען אין אלע
זיינע בריוו. זיי האבן זאכען שווער צו
פארשטיין, זאכען וואס די אומגעלערנטע און

וואקלדיקע פארדרייען אזוי ווי אנדערע כתבי קודש צו זייער אייגענער פארדארבונג.
17. אבער אייך ליבע פריינט מבאלט איר ווייסט דאס פאראויס היט זיך אופ כדי איר זאלט נישט פארפירט ווערן דורך די פעלערען פון די רשעים און אוועקפאלן פון אייער פארזיכעטע פלאץ.
18. און שטייג ווייטער אין חסד און אין וויסן פון אונדזער האר און גואל ישוע המשיח.  צו אים זאל זיין כבוד סיי יעצט און סיי אייביק-אמן.